# ויקרא

א. עס שטייט אין מדרש[1]: אמר רבי אסי מפני מה מתחילין לתנוקות בת"כ ואין מתחילין בבראשית אלא[2] שהתנוקות טהורין והקרבנות טהורין יבואו טהורין ויתעסקו[3] בטהורין[4].

וואס מיינט „והקרבנות טהורין"? א טייל מפרשים[5] זאָגן אַז דאָס מיינט אַז קרבנות דאַרפן געבראַכט ווערן בטהרה, ניט בטומאה; און לויט אַנדערע מפרשים[6] — אַז דורך קרבנות ווערט מען טהור פון חטא.

ביידע פירושים זיינען אָבער לכאורה ניט גלאַטיק: פון לשון המדרש „והקרבנות טהורין" איז משמע אַז דאָ רעדט מען וועגן די קרבנות עצמם אַז זיי זיינען טהורין (און ניט וועגן די וואָס ברענגען זיי)[7].

ומאידך, לערנען פשוטו כמשמעו, אַז „טהורין" באַציט זיך אויף די קרבנות עצמם, איז אויך ניט גלאַטיק: מען געפינט ניט אַז תורה זאָל ביי קרבנות נוצן די הגדרה פון טהורים; מען געפינט אַז קרבנות דאַרפן זיין תמימים ומובחרים וכו'[8], אָבער ניט דעם גדר פון „טהורין".

ב. לכאורה וואָלט מען געקענט לערנען, אַז דער גדר פון „טהורין" דאָ אין מדרש איז מתאים דערמיט וואָס חז"ל[9] זאָגן וועגן די קרבנות פון לפני מתן תורה, אַז „הכל כשרין ליקרב בהמה חי' ועוף זכרים ונקבות תמימין ובעלי מומין טהורין אבל לא טמאין". דאָס הייסט, אַז דער גדר פון קרבנות פאַר מ"ת[10] איז — „טהורין".

און די שייכות פון די קרבנות פאַר מ"ת לענינינו איז אין דעם, וואָס דאָ רעדט זיך וועגן תינוקות, קטנים, וואָס זיינען ניט מחוייב אין קרבנות[11], איז עס בדוגמא צו די קרבנות פון פאַר מ"ת (ווען ס'איז נאָך ניט געווען קיין מצוה וחיוב אויף קרבנות).

1) ויק"ר פ"ז, ג בסופו. ועד"ז בפסיקתא דר"כ ופסיקתא רבתי פ' את קרבני לחמי. ילקו"ש צו בתחלתו (רמז תעט). הובא בכל בו סי' עד. ש"ך יו"ד סי' רמה סק"ח.

2) ביל"ש שם: יתחילו להן מבראשית אמר הקב"ה הואיל כו', ועד"ז הוא בפסיקתא דר"כ ורבתי שם. ויק"ר הוצאת מרגליות שם.

3) בתנחומא צו יד: למה הן מתחילין התינוקות של בית רבן ללמוד בספר ויקרא אלא מפני שכל הקרבנות כתובים בו ומפני שהם טהורים עד עכשיו ואינם יודעים מהו חטא ועון לפיכך אמר הקב"ה שיהו מתחילין בסדר הקרבנות יבואו טהורים ויתעסקו במעשה טהורים.

4) ביל"ש: „בטהרות".

5) פירוש מהרז"ו לויק"ר שם. עץ יוסף לתנחומא שם.

6) ראה כלי יקר ריש פרשתנו. עץ יוסף לויק"ר שם.

7) וגם לשון התנחומא „מעשה טהורין" יש לפרש שהוא „מעשה (ב)טהורין".

8) והיא מ"ע (רמב"ם ריש הל' איסורי מזבח. סהמ"צ מ"ע סא).

9) זבחים קטו, ב.

10) בגמ' שם „עד שלא הוקם המשכן". אבל מזה שמסיים שם בגמ' „ונכרין בזמן הזה רשאין לעשות כן", משמע שהוא מצד החילוק דבן נח וישראל שנתחדש במ"ת. וכ"מ מזה שלמדוהו בהמשך הגמ' שם (קטו, סע"ב ואילך) מהקרבנות דנח. וראה פרש"י שם קטז, א ד"ה לכל. ואולי י"ל דתלוי במחלוקת ר"י ור"צ שם (קטו, ב) אם רק כללות נאמרו בסיני או כללות ופרטות נאמרו בסיני, וכמו שמפרש בגמ' בעולה אם טעונה הפשט וניתוח. ואכ"מ.

11) ובכלל אינם יכולים להביא קרבן — ראה רמב"ם הל' שגגות פ"ט ה"ג בסופה ובכס"מ שם. מגדל עוז לרמב"ם הל' איסו"ב ספ"ג.

אָבער דאָס איז קשה: דער מדרש איז דאָ מסביר דעם טעם וואָס „מתחילין לתנוקות בת״כ", וואָס אַנטהאַלט די דינים פון קרבנות פון נאָך מ״ת — איז ווי פּאַסט דאָ דער פאַרגלייך פון קטנים צו קרבנות שלפני מ״ת?

ג. אין תנחומא[12] ווערט געבראַכט דער אויבנדערמאָנטער מאמר, ובהמשך לזה שטייט: „לפיכך אני מעלה עליהם כאלו הם עומדים ומקריבים לפני הקר־בנות, והודיעך שאף על פי שחרב בית המקדש ואין קרבן נוהג אילולי התנו־קות שקורין בסדר הקרבנות לא הי' העולם עומד".

איז תמוה: דער מדרש תנחומא אַליין איז דערנאָך ממשיך[13] „לפיכך אמר הקב״ה לישראל בני . . אם אתם עוסקים . . בפרשת קרבנות מעלה אני עליכם כאילו אתם מקריבים קרבן כו'" — אַז יעדערער וואָס איז עוסק בפרשת קרבנות (ניט נאָר תנוקות) איז „מעלה אני עליו" כאילו ער איז מקריב אַ קרבן (בפועל) — איז ווי שטימט דאָס מיט דעם וואָס דער מדרש זאָגט (פריער), אַז „אלולי התנוקות (דוקא) שקורין בסדר הקרבנות לא הי' העולם עומד"?

מוז מען זאָגן, אַז אינעם אויפטו פון „כאילו מקריבין קרבן" איז דאָ אַ מעלה ויתרון אינעם לימוד התנוקות בתו״כ לגבי דעם לימוד פון כל אדם, דוקא ביי זיי טוט זיך דאָס אויף אין אַ שלימות'דיקן אופן, וואָס פאַרזיכערט אַז דער עולם עומד.

ד. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים הביאור אין דעם אויבנדער־מאָנטן מחז״ל, אַז פאַר מ״ת האָט מען געקענט מקריב זיין קרבנות פון אַלע מינים טהורים, וואָס דאָס לערנט מען אָפּ פון נח'ן באַ וועמען עס שטייט[14] „מכל הבהמה הטהורה".

פרעגט אויף דעם די גמרא[15] „ומי הוו טמאין וטהורין בההיא שעתא"[16], און די גמרא איז מסביר אַז דער ענין פון „טהורין" דעמולט איז געווען „מאותן שעתידין ליטהר" (ווי די גירסא אין גמרא[17] און ווי רש״י ברענגט בפירושו על התורה[18]).

דאָס הייסט, אַז אין די קרבנות פון נח (פאַר מ״ת) איז געווען אַ דבר והיפוכו:

די קרבנות וואָס נח האָט געבראַכט זיינען ניט געווען אַן ענין פון קיום מצוה[19] — ובפרט אַז מ'געפינט ניט אַז נח זאָל האָבן מקיים געווען כל התורה כולה עד שלא ניתנה; ס'איז געווען ע״ד ווי מען געפינט אין אַלע צייטן (אויך פאַר מ״ת) אַז בני אדם און אדם עצמו[20] האָבן געבראַכט קרבנות לה' מצד זייער אייגענעם הרגש צוליב פאַרשידענע סיבות;

וויבאַלד אָבער אַז נח האָט געבראַכט נאָר „מאותן שעתידין ליטהר"[19], איז פון דעם גופא מוכח, אַז דאָס וואָס ביי נח'ן

---

12) שבהערה 3.

13) וראה גם במדרש לפנ״ז: „וכן אמר ר' שמואל בר אבא אמר הקב״ה לישראל כו'". ועד״ז בויק״ר ופסיקתא שם לפנ״ז מובא תוכן הדרשות הנ״ל.

14) נח ח, כ.

15) שם קטז, א.

16) ופרש״י: הרי לא נתנה תורה.

17) בשטמ״ק שם אות ז. חדא״ג שם. ועוד. ובגמ' לפנינו: מאותן שלא נעבדה בהן עבירה.

18) נח ז, ב. וראה מפרשי רש״י וחדא״ג זבחים שם.

19) ולהעיר מרש״י שם ח, כ (מב״ר פכ״ו, א: פל״ד, ט): אמר לא צוה לי הקב״ה להכניס מאלו ז' ז' אלא כדי להקריב קרבן מהם. וצע״ק מויק״ר פרשתנו (ב, י): נח קיים מה שכתוב בתורה שנאמר ויבן נח מזבח לה'.

20) שבת כח, ב. ועיין תקוז״ח קיז, ג.

איז ניט געווען קיין חילוק צווישן בהמות טהורות וטמאות (כקושיית הגמרא „ומי הוו טמאין וטהורין בההיא שעתא") איז דאָס נאָר בהנוגע לאכילה וכיו"ב אָבער די הבדלה פון „טהורין וטמאין" (על שם העתיד) איז שוין בײַ אים געווען[21].

קומט אויס, אַז פון נח'ן[22] — איז שוין געווען אַ התחלה אויף גדרי התורה. אע"פ אַז ער איז געווען קודם מ"ת, און נאָכמער — אויך פאַר דעם זמן האבות וואָס זייער הנהגה איז געווען ע"ד ווי נאָך מ"ת (קיימו כל התורה כולה עד שלא ניתנה[23]) — און מהאי טעמא האָט ער געבראַכט אַ קרבן דוקא פון טהורין — „מאותן שעתידין ליטהר"[24].

און וויבאַלד אַז די שייכות פון נח'ן צו (גדרי ה)תורה געפינט מען נאָר בענין הקרבנות איז י"ל אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דוקא דער ענין פון קרבנות איז באופן מיוחד שייך אויך איידער מ'האָט באַקומען תורה — מ"ת.

ה. איינע פון די ביאורים וואָס מען קען אין דעם זאָגן:

קרבנות, אויך פון נאָך מ"ת, אע"פ אַז זיי זיינען פון תרי"ג מצות התורה, זיינען זיי אָבער בפעולתם (ובמילא — במהותם) העכער פון תורה ומצוות, און — דערפאַר מכפר אויף (און משלים[25]) החסרון שע"י העדר התומ"צ.

בסגנון אחר: ווען אַ איד ברענגט אַ קרבן לה' דריקט ער דערמיט אויס זיין „זיין קרוב" לה', זיין פאַרבונד מיטן אויבערשטן, וואָס ער האָט בעצם אַלס אַ איד, וועלכער איז ניט תלוי אין קיום התורה והמצוות (וכשם ווי דער פאַר־בונד ווערט ניט אויפגעטאָן דורך קיום התומ"צ, אַזוי ווערט ער ניט געמינערט דורך העדר קיומן) — דער עצמיות'־דיקער פאַרבונד פון אַ אידן מיטן אויבערשטן איז העכער פון תומ"צ.

וע"ד מש"נ: בנים אתם לה"א — אע"פ שחטאו בני הם[26].

און דאָס איז דער טעם פאַרוואָס קרבנות זיינען מכפר אויף אַ חטא ועון: בשעת אַ איד איז ח"ו עובר אויף רצונו ית' און ער איז פוגם ר"ל, אין זיין התאחדות מיטן אויבערשטן וועלכע קומט דורך תומ"צ[27], קען ער דאָס מתקן זיין דורך קרבנות — דורך מעורר ומגלה זיין (דורך הקרבת הקרבן) דעם עצמיות'דיקן פאַרבונד פון אַ איד מיטן אויבערשטן אין וועלכן ס'איז ניט שייך קיין פגם — און דאָס איז מכפר[28], ווישט אָפּ דעם פגם פון דעם חטא ועון[29].

ו. ע"פ הנ"ל קומט אויך צו אַ תוספת הבנה אין דעם גאַנצן ענין הקרבנות — וואָס לכאורה קען מען אין דעם פרעגן:

---

21) ועד ש„כל שהתיבה קולטתן בידוע שהוא טהור אין התיבה קולטתן בידוע שהן טמאין" (זבחים שם). ראה חדא"ג שם. מפרשי רש"י נח שם.

22) וע"פ מחז"ל (הנ"ל הערה 20) עוד לפני זה — בברה"ע.

23) ראה יומא כח, ב. קדושין פב, א.

24) להעיר שהפעם הראשונה שנזכר בתורה שבכתב ענין המזבח הוא בקרבנות דנח. וראה לעיל הערה 19.

25) ראה אגה"ת פ"ב ולקמן הערות 28, 29.

26) ראה יד, א. וראה קידושין לו, א (שו"ת הרשב"א ח"א סקצ"ד). ספרי האזינו לב, ה. ועוד.

27) מצוה — ל' צוותא וחיבור (לקו"ת בחוקותי מה, ג. ובכ"מ). (תניא מהדו"ק ספמ"ט).

28) ע"ד המבואר גבי כללות עבודת התשובה (ראה לקו"ש ח"ד ע' 1151 ואילך. חי"ט ע' 426 ואילך). אלא שבפרטיות ישנם ב' ענינים: תשובה וקרבנות (ראה לקו"ש ח"ד ע' 1359, ושם ע' 1152 הערה 12).

29) דרזא דקורבנא עולה עד רזא דא"ס (ראה זח"ב רלט, א. זח"ג כו, ב). וראה ע"ד החסידות במעלת הקרבנות כמסומן במפתח ענינים ללקו"ת כו' ערך קרבנות. ספר הליקוטים דא"ח צ"צ. ועוד.

ווי קומט עס, אַז דער קו ה„עבודה" וואָס דער אויבערשטער האָט איינגע־שטעלט פאַר אידן, זאָל זיין דורך עבודת הקרבנות — דורך שעכטן אַ בהמה וכו' און זי מקריב זיין אויפן מזבח; לכאורה וואָלט מער מתאים געווען אַן עבודה רוחנית (עבודה שבלב[30], תפלה וכיו"ב) וואָס ברענגט אַרויס די פאַרבינדונג פון אידן מיט אלקות אין אַן אופן גלוי יותר.

ובפרט אַז קרבנות זיינען ניט אַן ענין וואָס איז אויסגעטיילט נאָר פאַר אידן: אויך אומות העולם האָבן די אפשריות צו מקריב זיין קרבנות[31] און אפילו בביהמ"ק[*31], כידוע.

ועל פי הנ"ל איז דאָס מובן, והיא הנותנת: דוקא דערפאַר וואָס די התק־שרות עצמית פון אידן מיטן אוי־בערשטן איז העכער פון דער התקש־רות דורך זייער עבודה בתומ"צ און זי קומט מצד בחירתו ית' — אַז כאָטש „אח עשו ליעקב", אעפ"כ „ואוהב את יעקב"[32], מצד בחירתו של הקב"ה[33] — מהאי טעמא גופא דריקט זיך דאָס אויס דוקא אין עבודת הקרבנות, וואָס בחיצו־ניותה איז אין איר ניט ניכר די רוחניות פון אַ אידן (ובפרט — דער חילוק לגבי דער עבודת הקרבנות פון או"ה) — אָבער נאָר די עבודת הקרבנות פון אידן איז מעורר די התקשרות עצמית וואָס איז בבחירתו ית'

(וע"ד ווי דער אויבערשטער איז בוחר (דוקא) דעם גוף פון אַ אידן, וועלכער איז נדמה בחומריותו לגופות אומות העולם[34]).

ז. דערמיט וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס די קרבנות פון נח פאַר מ"ת האָבן געהאַט אַ שייכות צו די קרבנות שלאחרי מ"ת (ס'איז אין זיי געווען דער גדר פון „טהורין" על שם העתיד):

דאָס וואָס נח האָט מקריב געווען קרבנות איז געווען אַלס הודאה להשם פאַר דעם וואָס ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון מבול — „ויזכור אלקים את נח גו'"[35].

— ידוע[36] דער הסבר פאַרוואָס דער פסוק „ויזכור אלקים את נח" איז איי־נער פון די פסוקי זכרונות וואָס ווערן געזאָגט אין מוסף דראש השנה (ד. ה. אַז דער „ויזכור אלקים את נח" האָט אַ קשר, איז אַ טייל פון „יעלה זכרוניכם לפני לטובה") — ווייל די זכירה פון נח'ן איז געווען „מצד עצם מעלת נשמות ישראל", וואָס דערפאַר זאָגט מען „וגם את נח באהבה זכרת", וואָס מיינט די „אהבה פנימית ועצמית" (צו נשמות ישראל).

קומט אויס, אַז כאָטש נח איז געווען פאַר מ"ת (וואָס דאַמאָלס איז געווען ובנו בחרת[37] מכל עם ולשון) — און אפילו ניט אין אַן אופן ווי די אבות[38] (וואָס מיט זיי איז געווען די התחלה פון עם ישראל — כשמם אבות) — אעפ"כ,

30) תענית ב, א.

31) ויתירה מזו: ונכרים בזמן הזה רשאין לעשות כן, כ"א ואחד בונה לו במה לעצמו ומקריב עלי' כל מה שירצה, ושרי לישראל „לאורינהו" (זבחים קטו, ב. קטז, ב. רמב"ם הל' מעה"ק פי"ט הט"ז).

*31) דנודרין נדרים ונדבות כישראל (מנחות עג, ב. וש"נ. וראה לקו"ש ח"ל ע' 72).

32) מלאכי א, ב.

33) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1309, 1341. ובכ"מ.

34) תניא פמ"ט. תורת שלום ע' 120. ועוד.

35) נח ח, א.

36) המשך תער"ב ח"א פרק ר"א. וראה לקו"ש ח"כ ע' 374 ואילך.

37) שבאמירתו — זכירת מ"ת (שו"ע אדה"ז או"ח סי' ס סעיף ד).

38) ויתירה מזו: כל גויי הארץ מתייחסים לנח, „בני נח".

האָט ער געהאַט אַ שייכות צו נשמות ישראל, וואָס דערפאַר איז באַ נח׳ן געווען אַ זכירה („באהבה") „מצד עצם מעלת נשמות ישראל".

און דערמיט איז אויך מובן, פאַרוואָס די קרבנות וואָס נח האָט געבראַכט בהמשך צו דער זכירה (והודי׳ פאַר זיין ניצול ווערן פון מבול), האָבן געהאַט אַ שייכות צו די קרבנות פון אידן (לאחרי מ״ת)[39].

און דאָס איז אויך דער ביאור אין דעם וואָס דער מדרש זאָגט וועגן די קרבנות פון תורת כהנים — „והקרבנות טהורין" (וואָס טהורין איז די הגדרה אין קרבנות פון פאַר מ״ת, כנ״ל):

וויבאַלד דער תוכן פנימי פון קרבנות איז, כנ״ל — צו מגלה זיין די אהבה עצמית של הקב״ה וואָס איז העכער פון (דער אהבה שע״י) תורה, דריקט דאָס זיך אויס (מער) אין די קרבנות של נח פון לפני מ״ת (נאָך איידער ס׳איז געווען דער ציווי אויף קרבנות); משא״כ נאָך מ״ת, זיינען די קרבנות אַן ענין של מצוה, איז אין זיי דערפאַר ניט ניכר בגלוי ווי זיי זיינען למעלה פון דער פעולה פון תורה.

ח. ע״פ כל הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס דער מדרש זאָגט „מתחילין לתנוקות בתורת כהנים" ווייל „יבואו טהורין ויתעסקו בטהורין":

די דריי זמנים ותקופות הנ״ל בנוגע צו אידן בכללות — (א) זינט מתן תורה, ווען אידן האָבן מקבל געווען און מקיים געווען תומ״צ ע״פ ציווי ה׳; (ב) אַנהויבנדיק פון די אבות, וואָס קיימו כל התורה כולה עד שלא ניתנה; (ג) און נאָך פריער, פון נח, ביי וועמען ס׳איז געווען נאָר אַ שייכות צו תורה (עכ״פ אַ גדר פון טומאה וטהרה, כנ״ל) —

י״ל אַז דוגמתן (פון די דריי תקופות) איז דאָ ביי יעדן אידן: (א) נאָכדעם ווי ער ווערט בר (בת) מצוה און אַ מחוייב במצוות; (ב) פון זינט ער איז הגיע לחינוך און זיין קיום התומ״צ איז אַלס הכנה צו זמן חיובם; (ג) נאָך קודם שהגיע לחינוך ווען עס איז נאָך ניט שייך די הנהגה פון קיום התומ״צ, אָבער אעפ״כ, וויבאַלד ער איז אַ אידיש קינד האָט ער אויך דעמולט אַ שייכות צו תורה[40] — ויתרה מזה: אים איז געגעבן געוואָרן די תורה (בתורת ירושה — מורשה קהלת יעקב — וואָס (אויך) אַ תינוק בן יומו איז יורש הכל) — און ער האָט אַ שייכות צו גדרי התורה.

און וויבאַלד אַז ביי אַ קטן (קודם שהגיע לחינוך) איז נאָך ניטאָ דער ענין העבודה בתומ״צ, איז ביי אים דערפאַר ניכר בגילוי זיין מעלה עצמית אַלס אַ אידיש קינד — די אהבה פנימית ועצמית פון אויבערשטן צו אידן איז מער בגילוי ביי אַ אידיש קינד קודם שהגיע לחינוך[41].

און דאָס איז וואָס דער מדרש זאָגט „יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים": וויבאַלד דער ענין הקרבנות איז צו אַרויסרופן ומגלה זיין די אהבה עצמית פון אויבערשטן צו אידן וועלכע איז העכער פון דער אהבה שע״י לימוד תורה (וואָס מצד דער אהבה ווערט אויפגעטאָן די

39) עפ״ז יומתק מ״ש בויק״ר שם „הקריב נח קרבן . . הקריבו ישראל כו׳" — שמדמה קרבנות נח לקרבנות דישראל.

40) וי״ל שלכן אסור לספות לו איסור בידים אפילו אינו בר הבנה — ראה בארוכה שו״ע אדמו״ר הזקן סי׳ שמג ס״ה ואילך.

41) ראה ד״ה כי נער ישראל תרס״ו. ובארוכה לקו״ש חכ״א ע׳ 20 ואילך.

כפרה) — זיי זיינען „טהורין״ בעצם ווייל זיי „דערלאנגען״ אין אן „ארט״ וואו דער ענין הטומאה קומט ניט צו, רירט ניט אן — דערפאר איז „יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים״, אז אט־די התעסקות אין „טהורים״ זאל זיין דורך אידישע קינדער וועלכע זיינען „טהורים״ — ווי ער טייטשט עס אפ אין תנחומא „אינם יודעים מהו טעם חטא ועון״ (ביי זיי איז ניט שייך דער גאנ־צער ענין החטא ועון) — דערפאר וואס ביי זיי איז מאיר בגילוי די אהבה עצמית פון אויבערשטן צו אידן[42].

ט. ע״פ כל הנ״ל איז אויך מובן פאר־וואס דוקא דער ענין פון „יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים״ — די קריאה אין תורת כהנים דורך תינוקות — בא־ווארנט אז עס זאל זיין „העולם עומד״:

דאס וואס די גדולים זיינען עוסק אין „פרשת הקרבנות״ איז דאך ניט א „מעשה״, נאר בלויז א התעסקות במחשבה ודיבור (ווי דער אלטער רבי איז מסביר[43], אז „מחשבה זו תפלה עבודה שבלב שכנגד קרבנות, ודבור הוא ת״ת דקרבנות כו׳״), וואס די צוויי לבושים פון מחשבה ודיבור איז עיקר ענינם צו מגלה זיין דעם שכל האדם אדער זיין רגש ומדות; אין זיי איז דער עיקר ניט די אותיות (וועלכע זיינען מלביש דעם שכל אדער די מדה), נאר דעם שכל או מדה וועלכע זיינען אנגע־טאן אין די אותיות;

און וויבאלד אז בגילוי איז דא דער שכל (ורגש) האדם, דערפאר דערהערט זיך דא ניט אויף אזוי פיל די מעלה עצמית פון אידן (וואס איז מצד בחירת הקב״ה אין אידן).

דוקא די קריאה ולימוד של תנוקות, און אין דעם גופא — „מתחילין לתנוקות בת״כ״ — דא רעדט זיך וועגן דער התחלת הלימוד פון תנוקות ווען זיי זיינען נאך קודם שהגיעו לחינוך און ביי זיי איז נאך ניטא דער ענין של הבנה והשגה

[ווי מען זעט אין מנהג ישראל, אז בלויז די התחלת הלימוד פון תנוקות איז פון ספר ויקרא, אבער דערנאך לערנט מען מיט זיי בסדר אחר, כמנהגי המקום[44]]

און ס׳איז ביי זיי בלויז אן ענין של קריאה לחוד; דער עיקר דערביי איז ניט דער תוכן הדיבור, נאר די עקימת שפתים של הקטנים —

דוקא דאס רופט ארויס ומגלה די אהבה עצמית פון אויבערשטן (ע״ד הנ״ל סעיף ו אז בחירת הקב״ה איז אין גוף דוקא), ובמילא איז דער אויפטו דורך דעם בתכלית השלימות און עס בא־ווארנט עס זאל זיין „העולם עומד״.

(משיחות ש״פ ויקרא תש״מ)

---

42) על פי זה יומתק הדמיון של „הקרבנות טהורין״, שמשמעו טהורים בעצם ולא שצריכין להיות טהורין, ל„תינוקות טהורין״, שמשמעתו ג״כ לא רק שהן טהורין בפועל, כ״א כל׳ התנחומא „ואינם יודעים מהו טעם חטא ועון״.

43) לקו״ת ר״פ פנחס.

44) וכן משמע בכל בו שם וברוקח סי׳ רצו. וי״א שזהו הפירוש במאמר הגמ׳ (גיטין ס, ב) כותבין מגילה לתינוק להתלמד בה . . בתו״כ עד ויהי ביום השמיני — שזהו משום שהתינוקות (בתחלה) לומדים רק התחלת תו״כ.

# ויקרא ב

א. פון דעם פסוק[1] „ונפש כי תקריב קרבן מנחה גו׳״ (און עס שטייט ניט „כי תקריב מנחה״[2]) לערנט מען אָפּ אין תורת כהנים[3], אַז מען קען מנדב זיין (אַלס קרבן בפ״ע) אויך לבונה יין (שמן), וועלכע קומען צוזאַמען מיטן קרבן, און אויך עצים.

דאַרף מען פאַרשטיין: בשלמא דאָס וואָס דער וואָרט „קרבן״ קען מרבה זיין לבונה און יין (ושמן) אַלס קרבן בפ״ע איז מובן — וויבאַלד מען ברענגט זיי בלאה״כ אַלס אַ טייל פון קרבן, פון זיי אויך באַשטייט דער קרבן, האָבן זיי אויף זיך קדושת און דעם שם קרבן;

ווי אַזוי קען מען אָבער פון וואָרט „קרבן״ מרבה זיין (נדבת) „עצים״ וועלכע זיינען ניט אַ חלק פון קרבנות[4]?

אין גמרא[5] ווערט געבראַכט: „קרבן מלמד שמתנדבין עצים . . וכן הוא אומר[6] והגורלות הפלנו על קרבן העצים״. איז רש״י מפרש: „וכן הוא אומר — דעצים קרבן מקרו[7]״. דאָס הייסט: וויבאַלד מען געפינט אין פסוק „דעצים קרבן מקרו״ קען דער וואָרט „קרבן״ מרבה זיין עצים.

אָבער דאָס איז נאָר אַ ראי׳ — מען געפינט אַ פסוק וואו „עצים קרבן מקרו״. אָבער עדיין טעמא בעי: פאַרוואָס זאָלן „עצים״ הייסן „קרבן״ (ובמילא — קענען זיי נכלל ווערן אין דעם לשון „תקריב קרבן״)? זיי זיינען דאָך נאָר אַ מין „הכשר מצוה״ (— קרבן), דער קרבן זאָל קענען פאַרברענט ווערן — דאַרפן האָבן עצים און אש.

ווען מ׳וואָלט ערגעץ אַנדערש געפונען אַז „עצים״ ווערן געבראַכט אַלס אַ טייל פון אַ קרבן, דאַן ערשט וואָלט עס געווען אַ טעם ראי׳ לנדו״ד, אַז דער וואָרט „קרבן״ איז מרבה אויך „עצים״.

ועוד להוסיף אין דעם — עכ״פ „בדקות״: דער פסוק „והגורלות הפלנו על קרבן העצים״ רעדט וועגן „קרבן העצים״ מיט אַ ה״א הידיעה — אַזוי ווי עס איז ידוע פון פריער אַז עס איז דאָ אַ קרבן עצים[8] דערציילט דער פסוק אַז ער איז געבראַכט געוואָרן ע״י גורלות — בסגנון אחר: דאָס וואָס מ׳האָט דעמאָלט געבראַכט אַ „קרבן העצים״ איז אַ מסובב פון דעם לימוד בתו״כ (וגמ׳)

1) פרשתנו ב, א. — בכו״כ ענינים שנתבארו לקמן בפנים (בענין קרבן העצים) ראה גם לקו״ש חי״ז ע׳ 22 ואילך. וש״נ.

2) ראה פי׳ הראב״ד, ר״ש משאנץ וק״א בתו״כ עה״פ. וראה מלבי״ם כאן.

3) עה״פ.

4) בראב״ד (וק״א) לתו״כ פרשתנו, דלדעת רבי יין ולבונה כו׳ „לא איקרו קרבן אלא שמצינו אותם קרבין עם הקרבנות״ (ולכן כשבאים בפ״ע אין טעונים מלח כו׳), משא״כ עצים, „אינהו גופייהו איקרו קרבן״ (ע״ש). אבל מובן שזהו רק מחמת הלימוד שזהו בכלל „קרבן״, משא״כ קודם (בלי) הלימוד מובן שיין ולבונה שייכים יותר לקרבן מעצים. וראה גם הלשון במדרש הגדול פרשתנו עה״פ: לבונה בפ״ע . . יין . . שמן . . ואפילו עצים.

5) מנחות כ, ב: קו, ב — הובא במפרשים הנ״ל.

6) נחמי׳ י, לה.

7) בפרש״י שם קו, ב: איקרו קרבן.

8) ראה קושיית המגי׳ במל״מ הל׳ שקלים פ״ד ה״ו (ד״ה שוב): אך קשה דהתם מייתי מקרא כו׳. וראה שער המלך שם. שירי קרבן לירושלמי שקלים רפ״ד. ועוד.